# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Far folḳ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**



**Mosḳṿe, 1943**


רעטעוו-רעָנאד!


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



Visual Library

# דאָנער־וועטער!

ס׳איז אים פאַרגאַנ דער טאַם פון צוגעדעמפּטנ אָפּ,
א ביינדל אויסנאָגנ האָט אים מיט בלוט פאַרגלוסט זיך,
האָט ער באַשלאָסנ אינ קאָלווירט צו טאָנ א לאָפּ,
געוואַרעמט א קאַמייע האָט ניט-צוטריטלעך די ברוסט אים!

אים מיטגעגעבנ האָט זײַנ קאַלע די קאַמייע אפנ קריג,
באַשיצנ זאָל זי אים, ווענ שינדנ עמעצנ פאַר איר ער וועט דאָרט...
ניט צושטיינ זאָל קיינ קויל צו זייער האָכצײַטיקנ גליק,
נאָר אים האָט זיך פאַרגלוסט געבראָטנס — דאָנער-וועטער!

דער פעלד-בינאָקל זיצט שוינ אפּ זײַנ נאָז,
אונ צו די אויגנ דעם קאָלווירט דעם גאַנצנ ציט ער;
— אָט וועט ער, דאָנער-וועטער, גלײַך זיך טאָנ א לאָז!
נאָר עפּעס לאָזט זיך דורכנ לײַב אים דורך א ציטער.

דאָס דאָרף איז אָפּגעברענט אונ ליגט פאַרטײַט,
איינ אָפּ שפּאַצירט איבערנ וועג, א פויגל — פרימע!
ער גייט, דאַכט זיך, אליינ צו אים. ער איז שוינ דאָ ניט ווײַט.
— וואָס טוט מענ, דאָנער-וועטער, גאָט אינ הימל?!

ניט ווײַט פונ דאָרף דערטראָגט זיך אלע ווײַל א גרוס.
אינ קאָרנ ליגט ערגעץ פאַרשטעקט א רויטאַרמייער,
האָט דער אריער זיך א טאַפּ געגעבנ שנעל די ברוסט —
ניט צולאָזנ קיינ קויל צו אים וועט זײַנ קאַמייע.

נ׳דער האָנ — ער גייט! ער ווערט אלץ נעענטער יעדע ווײַל,
ער איז שוינ אָט-אָט-אָט! נאָר מיט די הענט אים נעמענ!
האָט זיך דער האָנענ-יעגער גלײַך געטאָנ אנ אײַל,
אָט וועט ער מיט די פינגער אים א כאַפּ טאָנ אונ פאַרקלעמענ!

ער ציילט די טריט אונ שפּירט שוינ דעם געגנוס,
וואָס ער וועט האָבנ אינ זײַנ בלוטדאָרשטיקנ צוריר,
ער שפּאַנט אונ כריפּעט: — גיב זיך אונטער, רוס,
איך וועל גענאָד פאַר דיר באַמיִענ זיך באַם פירער!

ער ציילט די טריט. ער כאַפּט די הוט.
דער האָנ צוריק. נאָר באַלד וועט ער אים פאַנגענ —

עס האָט זיך קיינמאָל ניט אנטפּלעקט אזוי זײַן מוט,
ווי דאַן, ווען ער האָט מיטן האָן געלאָזט זיך אין געראַנגל!

און אים געפּאַקט! געפּאַקט אים פאַר א כּוס!
און האַלט אים פעסט. די פליגל פּאַטשן ראַש פאַר זײַנע אויגן;
נאָר פּלוצים האָט א קויל א פּיק געטאָן זײַן ברוסט,
און ער האָט אין דער גאַנצער לענג זיך אויסגעצויגן.

אַך, דאָנער-וועטער! — ט'ער א וואָרף געטאָן דעם קאָפּ צולעצט, —
אַזויפיל בלוט און אויפעס, לענדער און געשלעגן!
ער האָט פאַרשטאַנען גוט, דער טעמפּער ווערגעלעץ,
ווי זיך מיט מי מיט פרעמדער צו באַלעקן...

ווו עפּעס לעבעדיקס האָט ער געוואָרגן ווי א טכויר,
געשטיקט מיט יעדן טראָט, פאַרגוואַלדיקט און געמאָרדעט,
געשונדן לײַב פון ביין, געקוויקט זיך מיט דעם גרויל
און אָפּשיקן זײַן קאַלע עס באַדאַרפט דערנאָכדעם.

זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט. אין יעדן בריוול אים געהאַלדזט.
די מאָס פון אירע פּיס אַרײַנגעלייגט אין מויל אים.
ס'גייט בליצשנעל דורך אים פאַר די אויגן אַלץ,
די זיסע האָניק-טעג פון רויב און מאָרד אין פּוילן,

די נעכט די שיקערע ב'געפאַנגענעם פּאַריז,
ס'געוויין פון קינדער אין דערשטיקטן האָלאַנד...
ער האָט געפרעסן אַלץ, — ווו נאָר געטראָטן ס'האָבן זײַנע פּיס,
און אומעטום האָט די קאַמייע אים געהיט פאַר א מאַפּאָלע.

און איצט איז ער געלעגן שטיל מיט אָפן מויל,
דער האָן האָט איבער אים ניט אויפגעהערט צו קרייען.
די דויטשאַרמײיִשע, די פּראָסטע קויל
פאַרשטייט קיין כאָכמעס ניט פון א פאַשיסטישער קאַמייע!

געמינטערט האָט דער האָן דעם קורעלאַפּנעם העלד,
געריסן זיך פון טויטן קלעם- פון זײַן באַצווינגער;
נאָר ס'האָט אָפּ אים אַראָפּגעהויכט א יענוועלטיקע קעלט,
ס'האָבן מיט גליווער אָנגעפילט זיך זײַנע פינגער.

צו נאַכט פאַרשטילט געוואָרן איז דער האָנען-קריי,
צו נאַכט באַפאַלן האָט דעם האָן א הונגער.
האָט ער דעם פּיסק געטאָן פון זײַט צו זײַט א דריי,
נאָר דער נעווײלע-רײ'כ האָט אים זיך אָפּקערן געצווונגען.